# פרשת נח

**בס"ד. משיחת י"א ניסן ה'תשמ"ה.**

הנחה פרטית בלתי מוגה

וויל מען אָבער רעדן איצטער וועגן אַ דבר חדוש, אויף וועלכן מ'איז ניט משים-לב בקשר מיט'ן רמב"ם.

וואס דאס איז:

דער רמב"ם איז דאך געווען אַ לעבעדיקער מענטש, בחיים חיותו בעלמא דין, און אויך אין אַן אופן וואס פעולתו נמשכת אויף אַלע דורות שלאח"ז, סיי אין אַן אופן פון "הלכות הלכות", סיי אויך אין אַן אופן פון "מורה הנבוכים",

איז דאך בנוגע צו חכמי התורה, ובפרט עוסקים אין תורה, איז פונקט אַזוי ווי מ'לערנט פון זייערע ספרים – אַזוי לערנט מען אויך פון דברי ימי חייהם, פון מעשיהם בפועל,

ווי די גמרא ברענגט בכמה מקומות, אַז פון דעם ענין אָדער פון דעם ריידן, פון רבן גמליאל וכיוצא-בזה, אַף-על-פי וואס ס'איז לכאורה געווען "שיחת חולין[1]" – לערנט מען אָפּ אָט-די און די ענינים,

על-דרך-זה ומכל-שכן וקל-וחומר בנוגע פון זייערע מעשים, על-דרך-זה וכל-שכן וקל-וחומר – פון מעשים וואס איז געווען אַ הנהגה תמידית בא זיי.

בנוגע צום רמב"ם, איז פונקט אַזוי ווי בספריו געפינט מען דאך פרטים ופרטי פרטים, וואס מ'געפינט דאס ניט בא רבם ככלם פון פוסקי הלכות,

ס'איז דאך געווען פאר'ן רמב"ם און נאכ'ן רמב"ם אויך ספרים פון פסקי דינים, צי בלשון "הלכות גדולות", אָדער "אַלפס" וכיוצא-בזה. און אויך לאַחריו – דער שולחן ערוך פון בית יוסף, אָדער דער טור שלפניו, ביז דעם שולחן ערוך פון דעם אַלטן רבי'ן,

אַף-על-פי-כן, מ'זאל געפינען אַלע פרטים ופרטי פרטים, ובשלמות – איז דאס אַן אויסנאם דער ספר הרמב"ם.

סיי די הלכות הנוהגות בימיו, סיי די הלכות הנוהגות ביז ימות המשיח, ווי דערמאנט פריער אַז דאס איז גאר דער סיום וחותם, וואס "הכל הולך אַחר החתום[2]", און אַזוי אויך – די הלכות וואס זיינען אויך

---

1) גמרא סוכה דף כא ע"ב.

2) גמרא ברכות דף יב ע"א.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נח

בנתים, און אויך – בפרטי פרטיות.

מ'איז ניט משים לב, אַז אין רמב"ם געפינט זיך נאך אַ דבר נפלא וואס מען געפינט דאס ניט אין פוסקים:

אין רמב"ם זיינען דא די אַלע הלכות פון שבע מצות בני-נח!

וואס דאס איז ניט אין טור, ניט אין בית יוסף, ניט אין דעם אַלטן רבינ'ס שולחן ערוך, ניט אין רי"ף וכיוצא-בזה;

מ'ברענגט דאס אין רי"ף וכיוצא-בזה – וואו ס'איז נוגע צו אַ באור אין גמרא; אַלס הלכות און אַלס פסקי דינים, און מיט אַלע פרטים – געפינט מען דאס אין רמב"ם, און דוקא – אין ספרו הי"ד, וואס דערמיט איז ער חותם דעם כל הספר שלו!

על-דרך-זה איז אויך בנוגע לחייו,

– וואס אין דערויף קומט-צו נאך אַ למוד פון רמב"ם, וואס דאס איז נוגע אויך מ'זאל דאס מדגיש זיין – אַז דער רמב"ם איז געווען אַ דוגמא חי': אָט-די ענינים און אָט-די הנהגות וועגן וועלכע ער האט געשריבן און גע'פסק'נט אַז מ'דארף אַזוי טאן – איז בחייו היום-יומיים, אין זיין טאג-טעגליכן לעבן, איינפאכן לעבן – האט מען דאס געזען, ווי אַזוי ער איז דאס מקיים בפועל,

ובפשטות: ניט מ'דארף זיך מיט אים דינגען און רעדן און דערמאנען וכו' – דאס גייט ביי אים אַריין אין סדר חייו הפרטיים.

און אין דערויף אויך – כאָמור לעיל – סיי בנוגע צו אידן, סיי בנוגע צו שבע מצות בני-נח, במילא – אויך בנוגע צו בני-נח.

וואס דאס איז אויך אַ הדגשה, אַז בשעת מ'רעדט וועגן דעם רמב"ם, איז דאך אַ זיכערע זאך אַז ער איז אַ גדול בישראל, און ניט סתם גדול, נאר "ממשה עד משה לא קם כמשה" – זאגט מען, אַז ער איז אַ גדול אפלו באמות העולם!

וואס דערפאר זעט מען דאך אויך בפועל, ווי בשנה זו במיחד, אַז אומות העולם איז "וראו כל עמי האָרץ" די גדלות פון דעם רמב"ם – מאכט מען אויך אַ גאנצן שטורעם פון אים!

נאר ליידער, מסבות שונות ומשונות, איז, ביז איצטער על-כל-פנים, ניט געווען אָט די הדגשה, אַז מ'זאל מדגיש זיין, אַז דער רמב"ם האט זיך פארנומען סיי מיט אידן, סיי מיט ניט-אידן,



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נח

און האט זיך פארנומען אויך – בנוגע צו בריאות הגוף שלהם ובריאות הנפש שלהם,

ווי מ'האט דאך דעם סדר יומו פון דעם רמב"ם, ווי ער אַליין באַשרייבט דאס[3],

און באַשרייבט דאס ניט אַלס אַ סדר פון אַ טאג וואס איז געווען אַן אויסנאם, נאר אַזוי איז געווען סדר יומו הרגיל,

באַשרייבט ער דארטן, ווי אַזוי ער האט זיך פארנומען מיט רפואות און מיט ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט אידן, און ווי אַזוי ער האט זיך פארנומען מיט רפואות און מיט ענינים ווי דאס איז פארבונדן מיט ניט-אידן.

און שרייבט, אַז ביידע זאכן, די אַריינגעטאנקייט אין דעם און די ערנסקייט שבזה, ביז צו מסירת נפש, ניט קוקן אויפן אייגענעם געזונט און אויף אייגענע ענינים – וויבאלד אַז מ'דארף און מ'קען טאן אַ טובה אַ צווייטן מענטשן, אפלו אַז דאס רעדט זיך ניט וועגן אַ אידן.

און ווי ער באַשרייבט דארטן דעם סדר יומו, כאָמור, אַז ער האט אויפגענומען סיי אידן סיי ניט-אידן, וואס האבן געווארט אויף אים, און אַף-על-פי וואס ער איז געווען פארמאטערט, און האט זיך מיט יעדערן געגעבן אַן עצה אָדער תרופות וכיוצא-בזה,

וכאָמור, ער שרייבט דאס ניט אַז דאס איז געווען אַמאל אַן אויסנאם; נאר דאס איז געווען סדר חייו, סדר יומו אין סדר חייו היום-יומיים.

וואס דאס איז אויך די הדגשה וואס כדאי להדגישה במיחד,

וואס אין דערויף איז ער אויך אַ דוגמא חי', ווי ער שרייבט אויך אין דעם ספר הי"ד שלו, הלכות מלכים, אַז ס'איז דא אַ חיוב אויף אידן, אַז זיי זאלן זעהן אַז כל באי עולם זאלן מקים זיין זייערע מצות[4],

און מיט אַ הוספה בזה, אַז מ'קען זיי דורך דערצו ברענגען אַז זיי זאלן האבן אַ חלק לעולם הבא!

וואס דאס איז דאך אַן אויפטו, און אַ געוואלדיקער אויפטו, והראָי' – ס'איז דאך דא אַזוינע וואס האלטן ניט מיט אים בכיוצא בזה.

---

3) שו"ת הרמב"ם פאר הדור סקמ"ג.

4) רמב"ם הל' מלכים פרק ח' ה"י.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נח

ובפרט נאך איז דאס אַ חדוש נפלא, לויט ווי חסידות איז מבאר[5] דעם ענין פון עולם הבא און "חלק לעולם הבא", אָדער "חיי העולם הבא" – איז דער חדוש נאכמער גרעסער און נאכמער שטארקער.

וכמדבר כמה פעמים, ס'איז ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא[6],

און ווי דער רמב"ם איז אויך מדגיש, אויך אין סיום ספרו[7], אַז בשעת ער רעדט וועגן "אותו הזמן", וואס דאס איז ימות המשיח, און ער זאגט וואס משיח וועט אויפטאן –

איז ער גלייך ממשיך, אַז משיח וועט אויפטאן "יקבץ נדחי ישראל", און פאר דערויף – "יבנה בית המקדש במקומו", און פאר דערויף – "יכוף כל ישראל לחזק בדקה וללכת בדרכי'",

זאגט ער אָבער נאך דערויף, אַז דעמולט וועט מקים ווערן דער יעוד, און משיח וועט דאס דורכפירן, אַז ער וועט זיך אָפּגעבן מיט כל אמות העולם! און ברענגען זיי אַז זיי זאלן ווערן עובדי הוי', ביז אין אַן אופן "לעבדו שכם אחד", ווי ער זאגט דערנאך "שנאמר" אַז עס וועט זיין "אקרא אל עמים שפה ברורה לקרוא כלם בשם ה' לעבדו כלם שכם אחד".

———— • ————

5) תורה-אור פ' יתרו דף עג ע"ב; לקוטי-שיחות חלק יז ע' 344.

6) ראה גמרא תענית דף ט ע"א.

7) הל' מלכים סוף פרק יא.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.